# גליון היכל הקודש

ווענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת במדבר, ד' סיון, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ו'
שנה 14, גליון 35 (703)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:01
מוצאי שב"ק....................9:33

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................ירמי' י"ב-י"ג
בבלי.........................שבועות ל'
ירושלמי...................יבמות נ"ט
תוספתא...................בבא קמא ג'
רמב"ם.....................חובל ומזיק ה'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד. רַשִׁ"י זָאגְט: וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן, צֵיילְט עֶר זֵיי צוּ יֶעדֶע צַייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד), יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן. אוּן מִיט דֶעם קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, אָבֶּער יֶענֶער הָאט דָאךְ נִישְׁט דִי נְקוּדָה וָואס עֶר הָאט.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעצֵיילְט דִי אִידְן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער גֶעצֵיילְטֶער אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאזוּנְדֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים תכח, ד') אַז אַלֶעמָאל לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר בֶּעפָאר שָׁבוּעוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"א) אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן הַתְמָדָה, צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד. וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיּוֹת אִין דִי תּוֹרָה, קֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן, אוּן אוֹיבּ רֶעדְט מֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ אִיד, מִיט דֶעם פַּסְלְ'ט מֶען אֵיין אוֹת פוּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן אַז עֶס פֶעלְט אֵיין אוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אִיז עֶס פָּסוּל, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.

דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר פַאר דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב. מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן, נִישְׁט זִיךְ אוּן נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן. אוּן אַזוֹי קֶען מֶען צוּגֵיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

גֶעדֶענְק דֶעם כְּלָל, דִי אַלֶע וָואס בַּארֶעדְן אַנְדֶערֶע; וֶוען דוּ זִיצְט נִישְׁט בַּיים שְׁמוּעֶס - בַּארֶעדְט מֶען דִיךְ. וֶוער נִישְׁט צוּקָאכְט וֶוען דוּ הֶערְסְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, דִי רֶעדְן אוֹיף דִיר דָאס זֶעלְבֶּע וֶוען דוּ הֶערְסְט נִישְׁט.

אַנְטְלוֹיף פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן אַנְדֶערֶע. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כד, ט): "וְתוֹעֲבַת לְאָדָם לֵץ", דֶער לֵץ אִיז פַארְמִיאוּס'ט בַּיי אַלֶעמֶען, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּיי מֶענְטְשְׁן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כג.): "אַנְשֵׁי יְרוּשָׁלַיִם", דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם, "לֹא הָיוּ נִכְנָסִין בִּסְעוּדָה, אֶלָּא אִם כֵּן יוֹדְעִין מִי מֵיסֵב עִמָּהֶן", הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעזֶעצְט עֶסְן אַ סְעוּדָה מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט; גֶעוֶוענְלִיךְ בַּיים עֶסְן, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת, אָדֶער רֶעדְט מֶען אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם; דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וואוּ זֵיי עֶסְן, מִיט וֶועם זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב): "דַּע, שֶׁעַל יְדֵי אֲכִילָתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל נַעֲשֶׂה יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ אַפִּין בְּאַפִּין", בַּיים עֶסְן אִיז אַ צַייט פוּן יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ אַפִּין בְּאַפִּין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (רוּת ב, יד): "לְעֵת הָאֹכֶל גֹּשִׁי הֲלֹם, תִּקְרַבְתָּא מַלְכָּא בְּמַלְכָּא".

אֲפִילוּ צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דָא גְרוֹיסֶע לֵצִים; דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם, דָארְט וואוּ מֶען בַּארֶעדְט מֶענְטְשְׁן - פוּן דָארְט אַנְטְלוֹיף!

דֶער רֶבִּי זָאגְט, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטְרָאף, (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לֵיצָנוּת, סִימָן א): "עַל יְדֵי לֵיצָנוּת, אִשְׁתּוֹ מוֹשֶׁלֶת בּוֹ", דִי וַוייבּ גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף אִים; אַז דוּ וֶועסְט גוּט קוּקְן וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אַלֶע לֵצִים זֶענֶען גְרוֹיסֶע מוֹיל מַאכֶערְס אִינְדְרוֹיסְן, אִין שְׁטוּבּ זֶענֶען זֵיי פַארְשְׁקְלַאפְט פַאר דִי וַוייבּ, מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה בַּמִּדְבָּר א, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַלֶע טַעֲמִים

דֶער גָאוֹן רֶבִּי שִׁמְעוֹן שְׁוַואבּ זַצַ"ל אִיז גֶעפָארְן אַלְס בָּחוּר פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין פּוֹילְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין יְשִׁיבָה אִין דִי שְׁטָאט מִיר, אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אִין שְׁטָאט רַאדִין צוּ טְרֶעפְן דֶעם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זי"ע אוּן נֶעמֶען אַ בְּרָכָה. בַּיים חָפֵץ חַיִּים אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע חֲשִׁיבוּת וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַ בָּחוּר וָואס לֶערְנְט פְלַייסִיג, נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין אֵיירָאפֶּע צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעלַאדֶענְט צוּ זִיךְ אַהֵיים אוֹיף שַׁבָּת.

דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שַׁבָּת שִׁירָה, וֶוען מְ'לֵיינְט אִין דִי פַּרְשָׁה וֶועגְן דִי מָן. בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער חָפֵץ חַיִּים זי"ע גֶערֶעדְט פוּן דִי מָן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעקוּשְׁט דִי פִינְגֶער מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן גֶעשְׁמַאק אוּן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי מָן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "מָן מָן! וָואסֶערֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעֲמִים הָאט דִי מָן גֶעהַאט! מֶען הָאט דָאךְ גֶעקֶענְט שְׁפִּירְן אִין דִי מָן אַלֶע
<<<<<<

## א גוט ווארט

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, יֶעדְן שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען זֵיי זָאלְן נֶעמֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין. לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז מֶען דַארְף פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ אוּן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, אוּן נָאר אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ.

מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, אוֹיךְ אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וַוייל "אִם אַתֶּם מְקַבְּלִים אֶת הַתּוֹרָה", אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי תּוֹרָה – "מוּטָב", אִיז דָאס לֶעבְּן גוּט, "וְאִם לַאו", אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט – "שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם", אִיז מֶען טוֹיט, מֶען אִיז בַּאגְרָאבְּן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשפ"ד)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אויסְבַּאהַאלְטְן אִין אַ גוּטֶע בּוּנְקֶער

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, מ"ג לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה. בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי דְרֵיי צַייטְן וָואס מֶען אִיז זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען בַּיים רֶבִּי'ן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז נִישְׁט דַוְוקָא אִין אוּמַאן, דָאס אִיז וואוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צַאם אַ מִנְיָן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי'ן אוּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז דָארְט מְסוּגָל צוּ זַיין כְּדֵי צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ אוּן צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן צוּרִיק לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס וֶועט דִיךְ בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶע צָרוֹת, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע בּוּנְקֶער וואוּ זִיךְ צוּ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה - וִוי צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִבְרֵי תוֹרָה, וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן פוּן לֵצִים, מִתְנַגְּדִים, וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי וֶועט זַיין, מֶען וֶועט לַאכְן, מֶען וֶועט שְׁפֶּעטְן, מֶען וֶועט אַוֶועק מַאכְן, אוּן נָאר אַזוֹי הָאט זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה גֶעקֶענְט אַרָאפְּקוּמֶען. עֶנְטְפֶער נִישְׁט קֵיינֶעם, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, זִיכֶער נִישְׁט מִיט עֶלְטֶערְן; וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דִי לָשׁוֹן הָרָע וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען אוּן עֶלְטֶערְן הָאבְּן שְׁרֶעק וֶוען זֵיי הֶערְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס אִיז מְשׁוּגָּעִים וְכוּ' וְכוּ'.

בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה, נֶעם אַ מִשְׁנַיּוֹת אוּן זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ בְּלַאט גְמָרָא נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן שְׁפְּרִינְג אַרִיבֶּער דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, שְׁפְּרִינְג אַרוֹיס פוּן בֶּעט, קוּם אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין שְׁטֶעטְל, מִיר וֶועלְן מַאכְן דִי חֲנוּכַּת הַבַּיִת פַארְן נֵייעֶם גְרוֹיסְן שׁוּל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה כז.) וָואס מֵיינְט אַ גְרוֹיסֶע הוֹיז? "מָקוֹם שֶׁמְּגַדְּלִין בּוֹ תּוֹרָה, וּמָקוֹם שֶׁמְּגַדְּלִין בּוֹ תְּפִלָּה", אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וֶועט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב וֶועלְן מִיר טַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר זֶענֶען נִישְׁט פַארְלוֹירְן, מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֵייט פַאר אוּנְז, מִיר דַארְפְן נִישְׁט זָארְגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

סח. עַל יְדֵי בִּטָּחוֹן, תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת. דוּרְךְ בִּטָּחוֹן, אַז מֶען פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי תְּפִלּוֹת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

סט. מִי שֶׁהוּא עָנָיו, יָכוֹל לִצְעֹק בִּתְפִלָּתוֹ מִן הַלֵּב. וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, קֶען שְׁרֵייעֶן פוּן הַארְץ אַרוֹיס בַּיים דַאוֶונֶען.

<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

טַעֲמִים פוּן דִי וֶועלְט!"

רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז דָארְט גֶעזִיצְן בַּיים טִישׁ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ נֵייגֶערִיגֶער בָּחוּר אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ פְרֶעגְן דֶעם חָפֵץ חַיִּים זי"ע, "אוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן קַיין שׁוּם טַעַם אִין דִי מָן, וָואסֶערֶע טַעַם הָאט עֶר גֶעפִילְט?"...

הָאט דֶער חָפֵץ חַיִּים זי"ע אִים גֶעזָאגְט אַזוֹי, "קוּק אַהֶער, אִין דִי תּוֹרָה אִיז דָאךְ אוֹיךְ דָא אַלֶע טַעֲמִים אִין דִי וֶועלְט, סְ'דָא פְּשַׁט רֶמֶז דְרוּשׁ אוּן סוֹד, אֵיינֶער הָאט מֶער לִיבּ צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן אוּן אַ צְוֵוייטֶער מֶער פָּשׁוּט, אֵיינֶער הָאט מֶער לִיבּ פָּשׁוּט פְּשַׁט אוּן אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער לִיבּ דְרוּשִׁים אוּן פִּלְפּוּלִים, אֵיינֶער הָאט לִיבּ דְרוּשׁ אוּן אַ צְוֵוייטֶער וִויל מְחַדֵּשׁ זַיין אֵייגֶענֶע חִידוּשִׁים, סְ'דָאךְ דָא אַזוֹיפִיל חֲלָקִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זִיךְ טְרֶעפְן זַיין וִוינְקֶל וָואס עֶר הָאט לִיבּ אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין דֶערְמִיט, עֶר קֶען שְׁפִּירְן אִין דִי תּוֹרָה גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעֲמִים".

דֶער חָפֵץ חַיִּים זי"ע הָאט וִוידֶער גֶעקוּשְׁט דִי פִינְגֶער מִיט גֶעשְׁמַאק אוּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "תּוֹרָה תּוֹרָה! וָואסֶערֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעֲמִים אִיז דָא דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! מֶען קֶען דָאךְ שְׁפִּירְן אִין דִי תּוֹרָה אַלֶע טַעֲמִים פוּן דִי וֶועלְט! וִוידֶער זֶענֶען אָבֶער דָא מֶענְטְשְׁן, אוּן אוֹיךְ בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, וֶועלְכֶע דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, זֵיי פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, וִויפִיל מְ'זָאל זֵיי זָאגְן אַז דִי תּוֹרָה אִיז זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק, שְׁפִּירְן זֵיי אָבֶער נִישְׁט דֶעם גֶעשְׁמַאקְן טַעַם אִין דֶעם"...

רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם עֶנְטְפֶער צוּ זַיין פְרַאגֶע, וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שֵׂכֶל צוּ אוֹיסְוֶועלְן אַ גוּטֶע טַעַם וָואס עֶר וִויל פִילְן אִין דִי מָן, הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קַיין שׁוּם טַעַם דֶערִין, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל נִישְׁט שְׁפִּירְן קַיין טַעַם, שְׁפִּירְט עֶר טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר פַארְפַּאסְט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס עֶר וָואלְט זִיךְ וֶוען גֶעקֶענְט בַּאלֶעקְן דִי פִינְגֶער, אֵיינֶער וָואס הָאט אָבֶער דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, וֶועט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין שְׁפִּירְן דֶעם גֶעשְׁמַאקְן טַעַם אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְכִילְתָּא, בְּשַׁלַּח) "לֹא נִתְּנָה תוֹרָה אֶלָּא לְאוֹכְלֵי הַמָּן", דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן נָאר פַאר דִי וָואס הָאבְּן גֶעגֶעסְן דֶעם מָן. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, קֶען עֶר שְׁפִּירְן אִין דֶעם אַלֶע גוּטֶע טַעַם, פּוּנְקְט וִוי בַּיי דִי מָן.

אַ אִיד קֶען טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ, "נֶע, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר מִיר, אִיךְ אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גוּטֶע קָאפּ אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אִיךְ בִּין אַן אוּמְגֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד זִיךְ צוּ זֶעצְן לֶערְנֶען, אִיךְ גֶעדֶענְק סַיי וִוי נִישְׁט וָואס אִיךְ לֶערְן, אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זַיינֶע אֵייגְנַארְטִיגֶע תֵּירוּצִים פַארְוָואס דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אִים. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַאר יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם, אוּן יֶעדֶער אִיד הָאט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם גֶעשְׁמַאקְן זִיסְן טַעַם פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דָאס וֶועט אִים גֶעבְּן אַ טַעַם אוּן סִפּוּק אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו), אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַז מְ'קֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אֲפִילוּ מְ'פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מְ'זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ מְ'גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מְ'לֶערְנְט. אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען יֶעדֶער אִיד לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מְ'הָאט אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ, אֲפִילוּ וֶוען מְ'הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, אֲפִילוּ וֶוען מְ'הָאט נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע חַבְרוּתָא אוּן מַגִּיד שִׁיעוּר, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ'הָאט נִישְׁט גֶענוּג צַייט; מְ'דַארְף בְּלוֹיז עֶפֶענֶען אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיּוֹת, אַ גְמָרָא, אַ מֶדְרָשׁ, אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער; מִיט דֶעם הָאט מֶען דִי מִצְוָה פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען יֶעדֶער אִיד בַּאוַוייזְן, כָאטְשׁ אַפָּאר שׁוּרוֹת תּוֹרָה יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל פָארְגֶעהַאלְטְן אַ אִיד פַארְוָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפ"ד), הָאט דֶער אִיד זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף עֶר

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

פְּרוּבִּירְן אַרָאפּ צוּ גַנְבְ'עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מִיט דֶעם אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ל"א.) אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?", בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט יֶעדְן טָאג אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער דָאס וָוארְט "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גַנְבְ'עֶנֶען, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ב, כ"ג) "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ". דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעגַנְבְ'ט עֶפֶּעס צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פְּרִישְׁט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן טָאג מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

(קוּנְטְרֵס שִׂמְחַת תּוֹרָה)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רו)

### תרצב

**בֵּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ** אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן מִיטְ'ן עוֹלָם מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער יֶעדֶע יוֹם טוֹב. דִי אָרְטִיגֶע שְׁטָאטְסְלַייט הָאבְּן גֶעשִׁיקְט גֶעטְרַאנְקֶען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט עֶס אוֹיסְגֶעטֵיילְט פְרֵיילִיכֶערְהֵייט פַארְ'ן עוֹלָם.

### תרצג

**בֵּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב', כ"ב) "וַיִּבֶן ה' אֱלֹקִים אֶת הַצֵּלָע אֲשֶׁר לָקַח וְגוֹ'", גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן ס"ז).

### תרצד

**זוּנְטָאג, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת,** הָאט רֶבִּי נָתָן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוּם שָׁבוּעוֹת (וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אִין סִימָן תרצ"ג), אוּן עֶר אִיז אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעוִויזְן וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט גְרִינְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעלֵיינְט וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, עֶר הָאט פַארְבְּרַאכְט עֶטְלִיכֶע זַאכְן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעשְׁמוּעֶסְט אַ לֶענְגֶערֶע צַייט מִיט רֶבִּי נָתָן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

אִינְמִיטְן רֶעדְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַארְקְלֶעמְט, "וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אַ אִיד?".

רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעגְלוֹיבְּט וָואס זַיינֶע אוֹיעֶרְן הֶערְן, לוֹיט וִויפִיל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אוּן גֶעגְלוֹיבְּט פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס מֶען גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן בַּאגְרֵייפְן, אוּן דָא דַאכְט זִיךְ גָאר פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען וִוי רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַזוֹי פַארְוואוּנְדֶערְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּלָאגְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ אִיךְ דָאךְ נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִיךְ וֵייס יֶעצְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן צוּ גְלוּסְטְן אוּן זִיךְ בֶּענְקֶען צוּ וִויסְן וָואס אִיךְ וֵייס יֶעצְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט דִי מִינְדֶעסְטֶע אַנוּנְג אַז עֶס אִיז בִּכְלַל דָא אַזֶעלְכֶע זַאכְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְקוּקְן אוֹיף דֶעם; אוּן אוֹיבּ אַזוֹי, טְרַאכְט אִיךְ אוֹיךְ יֶעצְט וֶוער וֵוייסְט וָואס עֶס אִיז נָאךְ אַלְץ דָא מַשִּׂיג צוּ זַיין, צוּ וָואס קֶען מֶען נָאךְ אַלְץ זוֹכֶה זַיין".

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעלֵייגְט, "אִיךְ טְרֵייסְט זִיךְ אָבֶּער מִיט דֶעם אַז מַיין גַאנְצֶע טָאג פַארְבְּרֶענְגְט אִיךְ נָאר מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה".

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ דַאן גֶעזֶעגְנְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן.

### תרצו

**מִיטְוָואךְ, י"א סִיוָן,** אִיז רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין נֶעמִירוֹב. עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין צוּ זַיין טַאטֶע, אָבֶּער זַיין טַאטֶע הָאט אִים נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף אִים, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוַואגְט צוּ פָארְן קֵיין זַאסְלַאבּ אוּן אַוֶועקְגַוארְפְן דִי

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּבְרֶסְלֶב



# פַּארְוָואס קְרִיכְט נִישְׁט דָאס קִינְד גֶעהֶערִיג?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אוּנְזֶער טָאכְטֶער אִיז שׁוֹין אַ יָאר אוּן צְוֵויי חֳדָשִׁים, גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק בָּרוּךְ ה', אָבֶּער זִי קְרִיכְט נִישְׁט אוֹיף דִי הֶענְט אוּן פִיס, זִי רוּקְט זִיךְ נָאר זִיצֶעדִיגֶערְהֵייט, אוּן זִי קֶען אוֹיךְ שְׁטֵיין אַלֵיין.

מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן אִין דֶעם עִנְיָן פוּן דִי אַנְטְוִויקְלוּנְג פוּנֶעם קִינְד, הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר מַיין וַוייבּ אַז דָאס קְרִיכְן אוֹיף פִיר הֶעלְפְט פַאר דִי אַנְטְוִויקְלוּנְג פוּנֶעם מֹחַ, אוּן סְ'אִיז נִישְׁט רַאטְזַאם אַז אַ קִינְד זָאל אִיבֶּערְהִיפְּן דֶעם שְׁטַאפְּל אִין לֶעבְּן, פוּן קְרִיכְן אוֹיף דִי הֶענְט אוּן פִיס.

דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ מִיר זָאלְן נֶעמֶען דָאס קִינְד צוּ אַ פְלַאץ וואוּ מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף דִי סָארְט זַאכְן? וָואס וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ קָאסְט עֶס אוֹיךְ אַ שֵׁיינֶע סוּמֶע גֶעלְט, אָדֶער זָאלְן מִיר אִיר לָאזְן זִיךְ אַלֵיין אַנְטְוִויקְלֶען אוֹיף אִיר אֵייגֶענֶע וֶועג, אָן זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן פוּן אִינְדְרוֹיסְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבּ אַ קְלֵיין קִינְד קְרִיכְט אוֹיף אַלֶע פִיר פִיס אָדֶער עֶס רִיקְט זִיךְ פוּן אֵיין פְלַאץ צוּם צְוֵוייטְן פְלַאץ אַזוֹי זִיצֶעדִיג; עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס קְרִיכְן, אוּן קִינְדֶער וָואס רִיקְן זִיךְ אַזוֹי וְכוּ', עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ טוּן דֶערְוֶועגְן, וַוייל דִי וָואס קְרִיכְן - זֶענֶען נִישְׁט מֶער אוֹיסְגֶעשַׁארְפְט וִוי דִי וָואס קְרִיכְן נִישְׁט.

אַז דוּ ווילְסְט דַיין קִינְד זָאל אוֹיפְוַואקְסְן דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע - זָאלְסְטוּ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי בֶּעטְן פַאר דְרֵיי מִינוּט אוֹיפְן זֵייגֶער פַאר זֵיי, וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ. אַזוֹי וִוי מִיר וֵויסְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל דֶערְצֵיילְט, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): **"מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר, וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת"**, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער - זֶעקְס זוּן אוּן פִיר טֶעכְטֶער, **"וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר"**, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; **"אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם. לֹא נִכְנַס אִתּוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ"**, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִילָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשפ"ד)

רַבָּנוּת פָּאסְטְן פוּן שְׁטָאט מָאהְלוּב וָואס זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן (זֶע אוֹיבְּן אִין סִימָן תרע"ד).

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם, אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט וֵוייל'ן אוֹיף שַׁבָּת בֵּיי זַיין שְׁוֶועסְטֶער.

**תרצז**

זוּנְטָאג, ט"ו סִיוָן, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ זוּכְן אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, וַוייל זַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט בַּארוּאִיגְט פוּן זַיין כַּעַס אוֹיף אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַהֵיימְפָארְן צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אִין שְׁטָאט מָאהְלוּב, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז עֶר קוֹדֶם גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב וָואס פוּן דָארְט הָאט מֶען גְרִינְגֶער גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַ וָואגְן קַיין מָאהְלוּב.

אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין בְּרֶסְלֶב הָאט עֶר זִיךְ גֶעדְרֵיידְט דָארְט פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּן הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין וָואגְן קַיין מָאהְלוּב, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעמִישְׁט פוּן דִי פִילֶע יִסוּרִים אוּן מְנִיעוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צוּ וֶועמֶען זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים, זַיין טַאטֶע הָאט אִים נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוואוּסְט וִוי שְׁטַארְק זַיין שְׁוֶוער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער, לַאנְג נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, וֶוען בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן קַיין בְּרֶסְלֶב, פְלֶעגְט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישׁ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אוּן דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, צוּ זַיין שְׁוֶוער'ס הוֹיז, וואוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעצִיטֶערְט צוּרִיקְצוּגֵיין, וֶוער וֵוייסְט וָואס דָארְט וֶועט זַיין; אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה הָאט עֶר קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָבֶּער מַמָּשׁ קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין.

אִין יֶענֶע טֶעג, וֶוען עֶר זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט נָע וָנָד, הָאט עֶר כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע טָאג אוּן נַאכְט נָאר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּירְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע קְלָארְקֵייט אִין מֹחַ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ צָרָה אוּן אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט צוּ וֶועמֶען זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, אוּן עֶר אַנְטְלוֹיפְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶע זַיינֶע וֵוייטָאגְן אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן, דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט, עֶר וֶועט זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דִי זִיסְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס טוּן מִיט אַן אֱמֶת הַארְץ, אִינְגַאנְצְן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אוּן זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**תרצח**

נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט דִינְגֶען אַ וָואגְן אוּן פָארְן קַיין מָאהְלוּב, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פַאר גָארְנִישְׁט.

עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מָאהְלוּב הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דָארְט זַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט גֶעפָארְן קַיין קְרֶעמְנִיץ, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין מָאהְלוּב מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ בְּלַייבְּן דָארְטְן בִּיז נָאנְט צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# חנוכת הבית פאר'ן נייעם בית המדרש אין שטעטל

מיר גרייטן זיך צום הייליגן און פרייליכן יום טוב שבועות, ווען מיר גייען פון פריש מקבל זיין די הייליגע תורה, זיך דערנענטערן פון פריש צום הייליגן באשעפער.

ביים הייליגן רבי'ן איז יום טוב שבועות געווען איינע פון די דריי צייטן וואס מען איז זיך צאמגעקומען ביים רבי'ן. דאס איז נישט דווקא אין אומאן, דאס איז וואו עס קומען זיך צוזאם א מנין ברסלב'ער חסידים וואס גלייבן אין רבי'ן און פאלגן דעם רבי'ן, איז דארט מסוגל צו זיין כדי צו ווערן גערעטעוועט פון עולם התוהו און צו זוכה זיין צו קבלת התורה.

אין שטעטל קרית ברסלב ליבערטי גרייט מען אויך צום הייליגן יום טוב, ווען מיר וועלן האבן די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט"א וועט ויילן אין שטעטל אויף יום טוב, און עס איז ערווארטעט פילע משפחות וואס וועלן קומען צו גאסט אין שטעטל, מיטצוהאלטן א געהויבענעם יום טוב אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

גלייכצייטיג וועט אויך פארקומען דער חנוכת הבית פאר'ן נייעם גרויסן שול און מקוה וואס מען פארענדיגט יעצט צו בויען, וואס וועט פיל צוגעבן פאר די שטעטל איינוואוינער, צו קענען האבן מער הרחבת הדעת ביים דאווענען און לערנען אין שול, נאכדעם וואס די ביז יעצטיגע שול איז שוין צו קליין געווארן פאר'ן גרויסן געברויך.

אין א בריוו האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן די וואך: "דעם קומענדיגן יום טוב שבועות וועל איך אם ירצה ה' זיין מיט אנשי שלומינו אין שטעטל, מיר וועלן מאכן די חנוכת הבית פאר'ן נייעם גרויסן שול. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מגילה כז.) וואס מיינט א גרויסע הויז? "מקום שמגדלין בו תורה, ומקום שמגדלין בו תפלה", א פלאץ וואו מען וועט לערנען און דאווענען, און מוצאי יום טוב וועלן מיר טאנצן אינאיינעם, דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן, מיר זענען נישט פארלוירן, מיר האבן א רבי וואס גייט פאר אונז, מיר דארפן נישט זארגן."

ווי איינגעפירט אין די לעצטיגע יארן, שטעלט מען צו שבועות אינדערפרי א מילכיגע קידוש נאכ'ן דאווענען, און דעמאלט קומען ארויף פילע קינדער, בחורים, טאטעס, און זיידעס, וואס מאכן סיומים אויף חלקי התורה וואס זיי האבן זוכה געווען מסיים צו זיין. אנשי שלומינו גרייטן זיך אן סיומים אויף יום טוב שבועות, צו קענען מסיים זיין ברוב עם הדרת מלך. דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אין א בריוו די וואך, "מיר וועלן אינדערפרי נאכן דאווענען האבן א גרויסע איבערראשונג פון קינדער, בחורים און אינגעלייט וואס וועלן ארויפקומען אויפן בימה מאכן זייערע סיומים, אשרי עין ראתה זאת".

לאמיר זיך אויפפרישן אינאיינעם צו מקבל זיין די הייליגע תורה, אנהויבן פון פריש לערנען תורה יעדן טאג, אנהויבן פון פריש זיך מחי' צו זיין מיט די מצוות פון די הייליגע תורה, אנהויבן נאכאמאל בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן זוכה זיין צו זיין ערליכע אידן און טון נאר די ווילן פונעם אייבערשטן.


## יום טוב שבועות

שיעורים, דרשות, מעשיות,
ניגויםמגילת רות, זיך צו גרייטן
אויפ'ן הייליגן יום טוב שבועות
קול ברסלב
212-444-9191
1, 1, 9, 8

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי
ברסלב, קונטרסים, "עצתו
אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס,
USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
718-387-2691

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**